בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת אחרי
מברכים חודש אייר
כט ניסן
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 25
(77)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוְוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועְן דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיים סוֹף מַעֲשֶׂה, אַז דִי שָׂרִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר'ן אֱמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ, כָאטְשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען ווִי דוּ הֶעלְפְּסְט אוּנְז, דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי דוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם גָארְטְן בְּשָׁלוֹם, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קוּמְט נָאכְנִישְׁט מֶען זָאל דִיר אָפְּגֶעבְּן דִי מְלוּכָה, נָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אוּנְז מַסְבִּיר זַיין דִי זַאךְ פוּן דֶעם שְׁטוּל מִיט דִי גֶעשְׁלָאגֶענֶע וֶועגְן.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאט מֶען אִים גְוִויזְן דִי שְׁטוּל. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ וְכוּ'. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שְׁטוּל. הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שְׁטוּל אִיז גִימַאכְט גִיוָוארְן פוּן דֶעם הָאלְץ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (דְהַיְינוּ דִי כְּלִי וָואס דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִישֶׁענְקְט כַּנַ"ל) הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן. אַז סֶע גֵייט אָפּ פוּן דֶער שְׁטוּל פוּן אוֹיבִּין עֶפֶּעס אַ רֵייזִילֶע. אוּן אַז דִי שְׁטוּל זָאל הָאבִּין דָאס רֵייזִילֶע. וָואלְט דִי שְׁטוּל גִיהַאט דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל. (דְהַיְינוּ דִי כְּלִי הַנַּ"ל וָואס זִי הָאט גִיהַאט דֶעם כֹּחַ. אַז מֶע פְלֶעגְט דִי כְּלִי צוּ לֵייגִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ חַיָּה וְכוּ' הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילִין כַּנַּ"ל) הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָאס רֵייזִילֶע וָואס סֶע גֵייט אָפּ אוֹיבִּין פוּן דֶער שְׁטוּל. דָאס רֵייזִילֶע לִיגְט אוּנְטִין אִין דֶער שְׁטוּל. בַּאדַארְף מֶען דָאס רֵייזִילֶע אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אוּנְטְן אוּן אַרֵיין זֶעצִין עֶס אוֹיבִּין אַזוֹי וֶועט דִי שְׁטוּל הָאבִּין דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (הַנַּ"ל) וָוארִין דֶער מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען הָאט אִיטְלִיכֶע זַאךְ גִיטָאן מִיט חָכְמָה אוּן הָאט אַלְץ פַארְשְׁטֶעלְט. כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ וָואס עֶר מֵיינְט בִּיז סֶע וֶועט קוּמֶען אַזוֹי אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטוֹיסִין אוּן וֶועט קֶענֶען צוּטְרֶעפִין אַלְץ אִיבֶּער צוּ בַּייטִין. אוּן מְסַדֵּר צוּ זַיין אַלֶע זַאכִין אַזוֹי ווִי מֶע דַארְף.

### הַאלְטְן פוּן זִיךְ

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן), אַז דָאס 'רוֹיזֶעלֶע' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל (עַיֵּין זֹהַר הַקְדָּמָה א.); דֶער גַאנְצֶער סוֹד ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהֵייבְּן זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דָאס רוֹיזֶעלֶע אוּן אִיר אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיבְן, דָאס מֵיינְט, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן הַאלְטְן פוּן זִיךְ.

### דוּ וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין??!

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'גַשְׁמִיּוּת' הַאלְט יֶעדֶער פוּן זִיךְ, **דֶער הוֹיז פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר, דֶער שִׁידוּךְ פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר, דֶער דְזְשַׁאבּ פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר, דוּ וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין??!...** אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'רוּחָנִיּוּת', וֶוען עֶס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט מֶען אַן עָנָיו, **'וֶוער בִּין אִיךְ', 'בִּין אִיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?'** אָבֶּער אַז מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דָאס רוֹיזֶעלֶע אִינֶעם שְׁטוּל, בַּאקוּמְט מֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער כְּלִי אוּן מֶען הֵייבְּט אָן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### הָאסְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין דִיר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן 'אֱמוּנָה', הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת, וַוייל וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי מֵיינְט אִים פֶּערְזֶענְלִיךְ, קוּמְט אוֹיס, אוֹיבּ דֶער רֶבִּי דַארְף גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה מֵיינְט עֶס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט דָאס אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן: **"אֲפִילוּ דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין דִיר!"** דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעלֵיינְט זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן אִים גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט; אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ זַיינֶע תְּפִילוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמ).

### פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַאֲוָה!

בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז עֶס אִיז דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶס זֶענֶען דָא צַדִּיקִים, אָבֶּער **'וֶוער בִּין אִיךְ?'** אוּן מֶען מֵיינְט נָאךְ אַז מֶען וֶוערְט מִיט דֶעם אַן עָנָיו, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דָאס 'פַאלְשֶׁע עֲנָוָה', אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט 'פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַאֲוָה!' וַוייל ווִי קוּמְט אַרֵיין דָאס וָוארְט 'אִיךְ'? "אִיךְ בִּין יָא", אוּן "אִיךְ בִּין נִישְׁט"... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט פוּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ אַז דוּ הִיטְס שַׁבָּת, דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית, דוּ הָאסְט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן **'אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט'**, אִיז גָארְנִישְׁט קַיין עֲנָוָה, דָאס אִיז פָּשׁוּט גַאֲוָה. אוּן צוּלִיבּ דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, זִינְגְט נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### גַאנְצֶעטֶע בִּנְיָנִים אִין קָאפּ

דֶער חָכָם הָאט פַארְשְׁטַאנֶען עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה, אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים אַרֵיין גֶעבְּן עֶר זָאל גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, עֶר זָאל ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים. אַ שָׁאד אוֹיף דִי אַלֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, עֶר דַארְף מִיר יָא, עֶר דַארְף מִיר נִישְׁט; עֶר דַארְף מִיר נִישְׁט, עֶר דַארְף מִיר יָא; מֶען בּוֹיט אִין קָאפּ גַאנְצֶעטֶע בִּנְיָנִים, אַז דֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אוּן דֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, מֶען גֵייט קוּקְן אוֹיף מִיר, מֶען גֵייט זֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא, טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, טוּ דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם אָן קַיין שְׁרֶעק.

און אַזוי דָאס בֶּעטִיל. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶע בַּאדַארְף עֶס אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט ווִי סֶע שְׁטֵייט. און אַזוי דֶעם טִישׁ בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט און אַזוי דֶעם לַייכְטֶער בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן אִים אָרְט. און אַזוי דִי עוֹפוֹת און דִי חַיוֹת מוּז מֶען זֵיי אוֹיךְ אַלֶע אִיבֶּער שְׁטֶעלִין. מֶע זָאל נֶעמֶען דָאס עוֹף פוּן דֶעם אָרְט און מֶע זָאל עֶס שְׁטֶעלִין אוֹיף דֶעם אָרְט. און אַזוי אַלֶע מוּז מֶען אַלִין אִיבֶּער שְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט אַלִין אִין מִיסְטֶנֶע פַארְשְׁטֶעלְט מִיט חָכְמָה כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט ווִיסִין וָואס מֶע מֵיינְט. בִּיז סֶע ווֶעט קוּמֶען דֶער חָכָם וָואס עֶר ווֶעט קָאנֶען פַארְשְׁטֵיין עֶר זָאל אַלִין מְסַדֵר זַיין אַזוי ווִי מֶע בַּאדַארְף. און אַזוי דֶער לֵייבּ וָואס עֶר שְׁטֵייט דָארְט ווִי דֶער ווֶעג גֵייט אַרוּיס בַּאדַארְף מֶען אִים אַהִין שְׁטֶעלִין. און אַזוי אַלֶע בַּאדַארְף מֶען אַלִין אִיבֶּער שְׁטֶעלִין.

## אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת

דֶער קֶענִיג - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, אָבֶּער עֶר הָאט אַלֶעס פַארְשְׁטֶעלְט מֶען זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען זֶען, קוּמְט דֶער חָכָם, דֶער צַדִיק, און ווַייזְט ווִי אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין זַיין ווֶעלְט.

הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל אַלִין מְסַדֵר זַיין ווִי מֶע בַּאדַארְף. מֶע זָאל אַרוּיס נֶעמֶען דָאס רֵייזִילֶע פוּן אוּנְטִין און מֶע זָאל עֶס אַרַיין זֶעצִין אוֹיבִין. און אַזוי דִי אַלֶע זַאכִין זָאל מֶען אַלִין אִיבֶּער שְׁטֶעלִין און מֶע זָאל זֵי מְסַדֵר זַיין אַנְדֶערְשׁ (אַזוי ווִי מֶע בַּאדַארְף אַזוי ווִי עֶר הָאט גִיהֵייסִין) ווִי מֶע הָאט אַזוי גִיטָאן. הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין אַלֶע צוּ שְׁפִּילִין דֶעם וואוּילִין נִיגוּן וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ. און זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיטָאן דָאס וָואס זֵיי בַּאדַארְפִין צוּ טוּן אַזוי הָאט מֶען אִים אָפְּגִיגֶעבְּן דִי מְלוּכָה. (דְהַיְינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי אַלֶע חָכְמוֹת בַּאוִויזִין כַּנַ"ל).

## יַעַ"ר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: יָ'פֶה, עֲ'דִין און רַ'ךְ

זַייעֶנְדִיג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (פָארִיגֶע וָואךְ, פַּרְשַׁת שְׁמִינִי) הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ אִיד, אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט קָאפּ צוּ דִי שִׁיעוּרִים, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ פוּן רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים 'שֵׁיין, אֵיידְל און ווֵייךְ', הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז דָאס מֵיינְט דֶער רֶבִּי מִיטְ'ן 'אִישׁ הַיַּעַר', דֶער מֶענְטְשׁ פוּן ווַאלְד, יַעַ"ר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **יָ'פֶה, עֲ'דִין און רַ'ךְ**; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ 'שֵׁיין, אֵיידְל און ווֵייךְ'.

## ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַאמְפְּלֶעקְסְן

דֶערְפַאר הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן ווַאלְד גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן בֶּן מֶלֶךְ דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן כֵּלִי, וָואס דָאס אִיז עֵצוֹת ווִי אַזוי צוּ הָאבְן אַ גוּט לֶעבְּן, און אִיר כֹּחַ אִיז דוּרְכְ'ן רֶעדְן 'שֵׁיין, אֵיידְל און ווֵייךְ'. הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ בַּאמֶערְקְט אַז דֶער שְׁטוּל הָאט אוֹיךְ דֶעם כֹּחַ פוּנֶעם כֵּלִי, אָבֶּער אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען פַארְרֶעכְטְן, מֶען דַארְף אוֹיפְהֵייבְּן דָאס רוֹיזֶעלֶע פוּן דֶער עֶרְד, דָאס מֵיינְט, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן און אָנְהֵייבְּן הַאלְטְן פוּן זִיךְ, און דַאן ווֶעט עֶר בַּאקוּמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן רֶעדְן 'שֵׁיין, אֵיידְל און ווֵייךְ'. אָבֶּער ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַאמְפְּלֶעקְסְן, עֶר הַאלְט אַז עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד און עֶר אִיז גָארְנִישְׁט ווֶערְד, אִיז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ פַארְדְרֵייְדְט, קֶען עֶר נִישְׁט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע.

## צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ

נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווֵייסְט **'אִיךְ בִּין פֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן'**, עֶר אִיז צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, רֶעדְט עֶר שֵׁיין צוּ יֶעדְן, צוּ זַיין טַאטֶע מַאמֶע, און אַז עֶר אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט רֶעדְט עֶר שֵׁיין צוּ זַיין ווַייבּ, שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער.

## גוּטֶע ווֶערְטֶער הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר

הַיינְט אִיז שַׁבָּת, מֶען גֵייט בַּאלְד מַאכְן דִי סְעוּדָה, גֵיי אַהֵיים און גֶעבּ גוּטֶע ווֶערְטֶער, גוּטֶע ווֶערְטֶער הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, דָאס גֶעבְּט מֶען אֵיין מָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל. אָבֶּער דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן ווֶען דָאס רוֹיזֶעלֶע אִיז אוֹיבְן, ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד קֶען עֶר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גוּטֶע ווֶערְטֶער, טְרַאכְטְנְדִיג: **'ווִי קוּמְט יֶעצְט אַרַיין אַ גוּט וָוארְט?'**...

## צְוָואנְצִיג יָאר אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

דִי ווָאךְ דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְ'ן שִׁיעוּר זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר צְוֵויי אִינְגֶעלַייט זִיךְ בַּאדַאנְקְן פַארְ'ן שִׁיעוּר, און זָאגְן מִיר אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר, פְרֶעג אִיךְ זֵיי **"פוּן ווֶעלְכֶע נְקוּדָה הָאט עֶטְץ הֲנָאָה גֶעהַאט?"** עֶנְטְפֶערְן זֵיי: **"ווֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶערֶעדְט פוּן גֶעבְן גוּטֶע ווֶערְטֶער פַאר דִי ווַייבּ"**. אַז אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ בַּאדַאנְקְן אוֹיף אַן עִנְיָן מֵיינְט אַז עֶר קֶען נִיצְן חִיזוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ פֶּלֶא, קֶענְסְט נִישְׁט גֶעבְן גוּטֶע ווֶערְטֶער פַאר דַיין ווַייבּ?! אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ צְוָואנְצִיג יָאר און דֶער אַנְדֶערֶער צֶען יָאר, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט, אִיךְ זָאג אַפָּאר מָאל אַ טָאג גוּטֶע ווֶערְטֶער, קוּקְן זֵיי מִיר אָן אִינְגַאנְצְן פַארְוואוּנְדֶערְט: **'מַמָּשׁ אַזוֹי, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג גוּטֶע ווֶערְטֶער?'** הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ דַארְף מֶער רֶעדְן פוּן דֶעם, אַמָאל טְרַאכְט אִיךְ 'פַארְוָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן פוּן דֶעם', אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז נִישְׁט יֶעדֶער קֶען רֶעדְן שֵׁיינֶע ווֶערְטֶער.

## וָואס ווֶעט יֶענֶער טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?

ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גָארְנִישְׁט בַּיי זִיךְ, עֶר אִיז צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, קֶען עֶר נִישְׁט גֶעבְן קַיין גוּטֶע ווֶערְטֶער פַאר אַנְדֶערֶע, עֶר הָאט מוֹרָא צוּ רֶעדְן שֵׁיין ווַייל **'וָואס ווֶעט יֶענֶער זָאגְן אוֹיף מִיר'**, **'וָואס ווֶעט יֶענֶער טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?'** דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְהֵייבְּן און ווִיסְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן דִיר, יֶעצְט קֶענְסְטוּ שׁוֹין אַהֵיים גֵיין רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין ווַייבּ און קִינְדֶער.

## מֶען קֶען אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן צוּם גוּטְן

נִישְׁט קַיין חִילוּק ווֶעלְכֶע סָארְט ווַייבּ, טַאטֶע, שְׁוֶוער, קִינְדֶער, תַּלְמִיד און שָׁכֵן - דוּ הָאסְט, מִיטְ'ן רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל און ווֵייךְ, קֶען מֶען יֶעדְן אִיבֶּער דְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

## הֶעלְפְן מִיט גוּטֶע ווֶערְטֶער

יֶעצְט זֶענֶען דִי פְּרוּוְוען אַבִּיסְל אִיבֶּער גֶעשְׁטֶרֶענְגְט פוּן אָנְגְרֵייטְן דֶעם פֶּסַח, דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע ווֶערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, און זִיכֶער נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף הֶעלְפְן פִיזִישׁ, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז הֶעלְפְן מִיט גוּטֶע ווֶערְטֶער, אַז מֶען גֶעבְּט גוּטֶע ווֶערְטֶער ווֶערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער.

## דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אַיין

רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי ווַייבּ אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס נִישְׁט אַזוי ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אַיין פַארְ'ן מֶענְטְשׁ 'גֵיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ', 'שֵׁייד זִיךְ אָפּ פוּן דַיין ווַייבּ', נָאר אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מֶען טְרַאכְט נָאר רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, און מֶען ווֶערְט שׁוֹין נִישְׁט פַארְקוֹיפְט פוּן יֶעדֶע קוּק אִין גַאס.

## זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִיק

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, ווֶעלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן. אַזוֹי ווִי דֶער אֶמֶתְ'עֶר בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיר טָארְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶער אָנְהֵייבּ מַעֲשֶׂה, ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְקָאהָאלְ'נִיק, עֶס אִיז אֲפִילוּ שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ זָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט ווִי ווַייט עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דֶער מְלוּכָה, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיים צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, ווֶעלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.